פולע טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע זעה 9 זייט

היינט 10 זייטען

opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

№ 234 | לאדז, דאנערשטאג, ו' תשרי תרצ"ג | צענטער יאהרגאנג | Łódź, Czwartek, 6 października 1932 r. | № 234

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע : לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.


# שטרייק אין דער ווארשעווער גאזאווניע

## די גאזאווניע איז בעזעצט געווארען דורך מיליטער און פאליציי

.ווארשא, 5 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) די ארבייטער און אנגעשטעלטע פון דער ווארשעווער גאזאווניע האבען היינט פערשטרייקט. דער שטרייק איז בעשלאסען געווארען אויף א נאכט-פערזאמלונג פון די גאזאווניע-ארבייטער. גלייך ווי דער שטרייק איז אויסגעבראכען האבען שטארקע פאליציי-אפטיילונגען בעזעצט די גאזאווניע און די כעמישע פאבריק אויף לוואווסקא גאס.

די נאכט-שיכט פון די ארבייטער איז אונטער דער אויפזיכט פון דער פאליציי געבליבען אין דער גאזאווניע ביז איינדערפריה.

ס'זענען אויך אנגעקומען ספעציעלע מיליטער-אפטיילונגען פון סקאזשיסק און מאדלין. די אנפיהרונג פון דער גאזאווניע האט איבערגענומען דער פארוטשניק גיפערט. די פאליציי האט בעקומען א בעפעהל אויף א צוואנגס-אומן צוצושטעלען צו דער ארבייט 31 מייסטערס און 6 אינזשיניירען, וואס זענען בעשעפטיגט אין דער גאזאווניע.

6 א זייגער אין דער פריה האט מען גע-בראנגט אין דער גאזאווניע 26 מייסטערס. די אר-בייטער האבען בעפרייט פון שטרייק עטליכע אר-בייטער, כדי ניש צו פערניכטען דאס שמאטישע פערמעגען. די דאזיגע ארבייטער האט מען נישט אריינגעלאזען און מ'האט זיי ערקלערט, אז אלע אמטען זענען שוין בעזעצט. די קאנצעלאריעס פון דער גאזאווניע זענען געשלאסען.

דער שטרייק איז אויסגעבראכען צוליב דעם וואס דער מאגיסטראט האט געוואלט רייסען לוין.

דער מאגיסטראט איז צוגעטרעטען צו אנגא-זשירען א נייעם פערזאנאל.


## א כתיבה וחתימה טובה

ווינשען מיר אונזער ליבע שוועסטער, שוועגערין, ברודער און שוואגער מיט זייערע קינדערלעך

יאהאננא און זיגמונד גאליט
סילוויע און זשאק וויינטרויב
אין ניו-יארק.

רוזשא, פינקוס און ארעק וויינטרויב
ירחמיאל וויינטרויב און פאמיליע
מארקוס פיימאן און פאמיליע

לאדז, תשרי תרצ"ג.

## א כתיבה וחתימה טובה

ווינשען מיר אונזער ליבע שוועסטער, שוועגערין, מיין ליבען מאן, פאטער, שוואגער'ס מיט זייער טעכטער'ל

מאניא, יאקוב און סאביטקא גאלדשטיין
און מאריע יודקיעוויטש אין בוענאס-איירעס

רוזשא, פינקוס און אדעס וויינטרויב
פאמיליע ראבינאוויטש
אסתר און אבראם יודקיעוויטש

לאדז, תשרי תרצ"ג.



## א בשורה טובה
### פאר'ן לאדזער פובליקום!

דערמיט מאך איך בעקאנט די לאדזער יודישע בעפעלקערונג, אז צוליב'ן הערשענדען קריזיס האב איך אין מיין אלט בעקאנט

פיש-געשעפט אויף
58 פילסודסקיעגא 58
(ווסכאדניא) טעל. 165-91

פערקלענערט די פרייזען אויף אלע סארטען פיש ווי:

לעבעדיגע שמאלץ-קארפען נור 2 זל. א קילא

ווי אויך אלע אנדערע סארטען פרישע פיש. צו די ביליגסטע פרייזען.
קומט און איבערציינגט אייך! רעיעלע בעהאנדלונג!

מיט אכטונג פירמע גראסבערג

אינה. פון פיש-געשעפט 58 ווסכאדניא 58. — 6101

## לאדזער יוד. הילפס-פעראיין „נותן לחם"
אין לאדז, סאלנא 14.

דערמיט האב איך דעם כבוד מיטצוטיילען אלע מיטגלידער פון דער געז. „נותן לחם" אין לאדז, אז דינסטאג, ב' דחוה"מ סוכות דעם 18 אקטאבער 1932, 6 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר די

### יעהרליכע גענעראל-פערזאמלונג

פון דער אויבען-דערמאנטער געזעלשאפט מיט פאלגענדע טאג-ארדנונג:

1) ערעפנונג; 2) וואהלען פון א פארזיצענדען און אסעסארען; 3) טעטיגקייטס-בעריכט; 4) בעריכט פון קאסע-בעשטאנד און רעוויזיאנס-קאמיסיע; 5) בעשטע-טיגען דעם בודזשעט אויפ'ן יאהר 1932/33; 6) וואהלען פון א פערוואלטונג; 7) פערשידענעס.

מיט אכטונג צייטווייליגער פערוואלטער פון דער געז. „נותן לחם" אין לאדז.

בעמערקונג: ווען עס וועט נישט קומען די געהעריגע צאהל מיטגלידער, קומט די פערזאמלונג פאר דעמזעלבען טאג 8 אוהר צום צווייטען טערמין ביי יעדער צאהל מיטגלידער. (§ 28). — 6100

## אזהרה גדולה!

אין גייערס ראיאן מעג מען שעכטען עופות נאר אויף

4 רזשגאווסקא 4

די שחיטה פון באלוט-זארזשעווסקא 25 איז נבילה וטרפה.

ועד הרבנים עם ועד הכשרות ביי דער יודישער קהלה אין לאדז.

Dr. med.
## H. Różaner

הויט- און ווענערישע קראנקהייטען
NARUTOWICZA 9, tel. 128-98
עמפפאנגט פון 8–10 און פון 5–8 אוו.

## רעשטען

לאדז, נאוואמיעסקא 5
פראנט, 2-טער שטאק

פערשידענע קאמגארנס
ביליצער, טאמאשאווער און לאדזער
אויף אנציגער און פאלטענס
ווי אויך די מאדערנסטע דאמען-שטאפען אויף פאלטנס און קאסטיומען
מיט 30% ביליגער

קומט און איבערציינגט אייך, ביי
SZCZĘSLIWY
געדענקט נאר
אין פראנט, II. שטאק

## גארדינען-פאבריק

ליימונג: איזאק בער
לאדז, פיעטריקאווער 21

אין צווייטען הויף, ערשטער שטאק.
עמפפעהלט פארהאנגען, קאפעס-ראלעטען, וויטראזשען, צטאמי-נענע, טיולענע, שידעלקאווע, פילע,
די נייעסטע מאדעלען
אין גרויסען אויסוואהל
צו די ביליגסטע פרייזען.

רעיעלע בעהאנדלונג!
קומט און איבערציינגט אייך!

## אתרוגים

מובחרים וגם לולבים והדסים
מארץ ישראל און קארפו
מקח השוה על הורט ועניצעל שוין צו בעקומען ביי

עמנואל קאפעלוש,
פלאץ וואלנאשטשי 10. — 6060

## אתרוגים מובחרים
### לולבים והדסים

פון דער ערשטער קוואליטעט איז שוין צו בעקומען ביי — 7065

„Agrumaria" Sp. z ogr. odp.
Łódź, ul. Kościelna № 1, tel. 133-33.

## מודעה לאפרושי מאיסורא

יעדער יוד ברויך זיך שטענדיג אבהיטען פון מאכלות אסורות בפרט אין די הייליגע טעג, זאל יעדער שטרענג מזהיר זיין ביים שיקן שעכטן עופות, צו געהען אין כשר'ע שעכט-הייזער:

ווסכאדניא 43, וואלבארסקא 8, קילינסקיעגא 35.
פאמארסקא 87, זאכאדניא 58, גרינער מארק 9.
יוליוש 38, באלוט צעגליאנא 12, זשגאווסקא 4.

לאדזער ראבינאט עם ועד הכשרות. — 6111

Dr. med.
## D. ROZENCWAJG

צוריקגעקעהרט
16 נארוטאוויטשא 16, (פילסודסקיעגא 76)
טעל. 128-74
נעהמט אן פון 9–10 און פון 6–7 אווענד.

### ענטשולדיגונג.

איך בעט ענטשולדיגונג ביים פאדסטארשי וואר-גאטש און ביים פערוואל-טונגס-מיטגליד זשארנאווסקי פאר מיין נישט טאק-טישער האנדלונג.

ל. קאזלאווסקי.

